ידידיה מארגאליס.

# מילכאמע-צייט.

סקיצע.

מאסקווע
1922

אויסגאבע פון
אווטאר.

195

ידידיה מארגאליס.

# מילכאמע-צייט.

סקיצע.

אויסגאבע פון אוטאר.

מאסקווע
1922

Главлит № 4399 от 24/XI 1922 г.
Типография „АВАНГАРД“, Кузнецкий м. 14. 1500 экз

.I

דער גרויסער כיידער, אין שפיטאָל פאַר גייסטיק-קראַנקע מיליטער-פּליכטיקע, מיט די אייזערנע קראטן אַף די צוויי אַקעגנאיבערדיקע פענסטער און מיט די צוויי רייען אייַזערנע בעטלאַך באַ די ווענט — איז געווען אויסגעשפרייט מיט זון-ליכט פון האַרבסטיקע פעלדער און מיט זון-שיינדלעך פון די בלעטער-בוימער אַפן שפיטאָל-הויף. דאָס זון-ליכט האָט שטיקערווייַז זיך צעלייגט אַף די ווענט, באדעקט מיט גרינער אייל-פארב, אפן דיל פון צימענט און אף דער ווייס-געאייַלטער סטעליע.

מיר אלע, איך, אַבראַמיצקי און לעבעדיעוו, זייַנען געשטאַנען ארום דאָקטער קאזאנסקי׳ס בעטל.

דאָקטער קאַזאַנסקי, איינער פון די רוסישע, וואָס באַ זיי וואַקסן געלע, שיטערע בערדעלעך, וואָס זייערע רויב-פויגלשע געזיכטער זייַנען סמאַגלע און פארשפּיצט און זייערע אויגן זייַנען גרוי און שארף. אַצינד זייַנען זייַנע גרויע אויגן געווען מוטנע און אויסגעלאָשן, זייַן געזיכט געל, הויט און ביין, זייַ נאַקן דאַר, לאנג און אויסגעקרימט. אז דער פאדים פון זייַ ראַיען פלעג, אין מיטן ריידן, זיך איבעררייַסן, איז זייַן נאקן ניט געווען בעקויאַך אופצעהאלטן די מאסע פון זייַן קאָפּ, וואָס פלעג זיך אראָפּלאָזן, ווי א שווערער קאָרן-זאַנג.

דאָקטער קאַזאַנסקי האָט גערעדט:

— אַלץ די מילכאָמע, די מילכאָמע... נ-דאַ... גאנצע וואָכן טעג און נעכט, אין גאַנג, ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן — קאזאנסקי האָט א שמייכל געגעבן, פון זייַן שמייכל האָבן מיר רי קניען געקילט ווי קאָן מען עסן, ווען עס ליגן פאר דיר מענטשן מיט אָפּגעריסענע גלידער, ווען דו פילסט זייער קוק: זעסט, מיר האָט א האַנט אָפּגעריסן... נ-דאַ... און פון דער הײם: כאראשים, יאָרן, קייַן בריוו ניטאָ... וואָס טוט זיך אין די שטילע צימערן, הינטער די באלויכטענע שויבן? וואָס קער איך זיך אָן מיט זיי?.. נדאַ... אַן אויסגערייסענער צאָן! שלאָפלאזיקייט...

בליצן אין דער פארגאנגענהייט... דער אפעטיט אפגענומען די קויכעס גייען אויס... נ-דאַ... שטויב... קאָן מען דען שטויב, האַגאַם דאָס גייט נאָך אום, האגאם דאָס רעדט נאָך, צוריק לעבעדיק מאַכן?

בייזע פייַערלעך האבן א שפיל געגעבן אין די אויגן פון דעם אידישן סטודענט אבראמיצקי, וואָס מען האָט אים אהער געשיקט אף א ניסאיען, צי ער האט פאליקע. א יונג מיט האס-טיקע טנועס, מיט א האזעדיקן געזיכט, וואס זיין הויט האט געגלאנצט פון ניט-דערשלאפענע נעכט; ער איז געווען אקאָרשט גוט און צארטיק און גלייך נאכדעם בייז און ברוטאליש. דאָ האט ער געזונגען ט־ויעריקע לידער און דאָ זיך געמאכט לוס-טיק, שארלאטאניש און פארשייט. קעציש-פלינק האָט ער א שטרוי פון קאזאנסקיס סעניק ארויסגעשלעפט און קאזאנסקיין, וואָס איז אנטשוויגן געוואָרן און זיין קאפ האט, ווי א שווע-רער קאָרן-זאנג, געגומען אראָפהייגען, געקיצלט מיטן שטרוי אין נאָז.

דער הויכער לעבעדיעוו, מיט איין אויג, וואס האָט געקוקט אין איין זייט, און מיט דעם אנדערן, וואס האָט געקוקט אין דער אנדער זייט, האט געשמייכלט און זיין שמייכל האָט זיך געצווייט אין זיינע פארשיידן-קוקנדיקע אויגן.

— לעבעדיעוו, ווייז, ווי עס עפנט זיך אוף א סימא-פאר! — האָט אים אַבראמיצקי געבעטן מיט הארץ.

לעבעדיעוו האָט זיך אויסגעשטרעקט אין זיין גאנצער הויך, איין האנט ארויף און די אנדערע אראָפּ, אף איין בעא-לאנסנדיקער ליניע.

— לעבעדיעוו, זאג מיר, ווען וועט זיך ענדיקן די מיל-כאָמע? האט אים אַבראמיצקי געפרעגט.

לעבעדיעוו איז געווארן ערנסט, אופגעהויבן די האַנט אין דער הויך און שטיל געזאָגט:

— ווען אלע בלעטער וועלן פון די בוימער אראָפפאלן, וועט אזא ווינט א בלאָז טאָן און עס וועט ווערן אויס מילכאָמע...

— לעבעדיעוו, א גאנצן לעבל ברויט קאָנסטו אופעסן?

— מיר קאָנען! האָט לעבעדיעוו ברייטלעך געענטפערט.

— ליבער לעבעדיעוו, איך האב דיך ליב! אַ גאַנצן לעבל ווייס-ברויט וועסטו בא מיר קריגן! — האט אים אַבראַמיצקי מיט היספיילעס אַרומגענומען.

.II

דער פארנאכט איז געווען פול מיט יעאוש, קאַזאנסקי איז אף זיין בעט געלעגן און מיט דער קאלרדע זיך איבערגעדעקט זיינע אופגעשטעלטע קניען האבן פון דער קאָלרדע אַרויסגע-שטארצט, עס האָט אים געטרייסלט, ווי אין קאַדאָכעס.

ליכט-טונקל פון פאַרנאכט, גרינקייט פון די ווענט, גרוי פון דיל און בלייכקייט פון סטעליע האָבן אָנגעפילט דעם גרויסן ביידער מיט א מיסע-מעשונגע קאליר.

באם פעלר-פענסטער איז געשטאנען אַ זעלנער, אין א כאַלאט, וואָס האָט אויסגעזען מיט זיין צוויי-שפיציקן בערדל און מיט זיין גרויסן פליך, ווי אַ מאָנאך, און אָן אן אופהער מיט אַ גאלכעשן ניגון געזונגען: „האָספאָדי פאָמילוי״!

די נאכט איז וואס אַמאל אַלץ מער אריין אין ביידער און דער מאנאכיש-זעלנערישער הייזעריקער, ראַכמים-בעטנדיקער ניגון איז געוואָרן אַלץ דערעסנדיקער און טרויעריקער.

עס האט זיך געעפנט אַ טיר, עס איז אַרײַן אַ טונקעלע וועכטער-פיגור, אַ דרייַ געגעבן מיט עפּיס באַם ביישטידל און פון סטעליע האָט אַן עלעקטריש ליכט אַ יאָג געגעבן אונטער די בעטן און אין די ווינקלען די נאַכט-שווארצקייט און די ביידע פענסטער. דאָס פעלד-פענסטער און דאָס הויף-פענסטער, פאַרהאנגען מיט נאכט. אין פעלד-פענסטער האָט זיך געזען אַ ווייסער ביניען מיט באַלויכטענע שויבן און אין הויף-פענסטער האָבן בלייכע בלעטער-פלעקן און שאָטנדיקע צווייַגן-ליניעס זיך אויסגעמישט אין דער גלאנציקער שווארצקייט פון די שויבן.

פאַרן עלעקטרישן ליכט איז אַרויסגעטרעטן אַן אויסגעבלייכט און באַגייסטערט געזיכט פון אַן איקאָנע.

---

לעבעדיעוו איז אַף זיין בעטל געזעסן אַ פאַרטראַכטער, די הענט אַף די קניען אַראָפּגעלאָזט.

— וואָס טוסטו, לעבעדיעוו? האָב איך אים געפרעגט.

— מיין קאָפּ אַרבעט! — האָט לעבעדיעוו זיך צעשמייכלט — באַ אונז ביירן אַרבעט דער קאָפּ — איך קלער, אַז פון אָנהויב איז די וועלט געווען אַ ריינע... עס זיינען אַף איר ניט געווען ניט קיין מענטשן און ניט קיין באַשעפענישן, אַפילע ניט קיין

געוויקסן... אומעטום איז געווען גאָטס גײַסט—לעבעדיעוו האָט צעפּירט מיט די הענט — ווײַס און הייליק, ווי אין אַפּראָסט, אָן שנײַ און אָן ווינט... שפּעטער, ערשט שפּעטער, האָט אונזער ערד זיך פֿאַרפֿאַרשיוועט און אַף איר האָבן גענומען זיך מערן לעבעדיקע זאַכן... אַז אַ בוים פֿוילט, ווערן אין אים ווערים, אַז אַ מענטש ווערט אומרײַן, קריכן אַף אים לײַז...

לעבעדיעוו האָט זיך פֿאַרקוקט אין מײַן פּאָנים; אָן זײַנע ליפּן, וואָס האָבן גענומען זיך קרימען אין אַ ליבן, באַם האַרבן-נעמנדיקן שמײכל, האָב איך געזען די מאָרע-שכוירע, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אף מיר...

— וואָס קלערסטו? האָט ער מיך געפּרעגט.

— איך מיט דיר זײַנען אַנַיך לײַז? האָב איך אים גע-פּרעגט.

— איך מיט דיר? — לעבעדיעוו האָט זיך פֿאַרקלערט און אויסגעהויבן זײַן געזיכט צו דער איקאָנע — נײַן! האָט לע-בעדיעוו זיך אַ טײטל געגעבן אין שטערן און מיט אַמאָל האָבן די אָדערן פֿון זײַן האַלז אָנגעהויבן אָנצוקוועלן, זײַן געזיכט האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, ער האָט, ווי אַ ריז, זיך אַ שטעל אויף געגעבן קעגן דער איקאָנע און זיך געמאָסטן אַף איר מיט זײַן פֿויסט:

— אין אַלץ איז ער, אַ רוּאַך אין זײַן טאַטן אַרײַן שולדיק!

---

III.

דער גרעסטער טײל קראַנקע איז שוין געשלאָפֿן, נאָר די מאָרע-שכוירעניקעס און שלאָפֿלויזע האָבן זיך געקערט אַף זײערע געלעגערס, פֿון איין זײַט אַף דער אַנדערער. דאָקטער קאַזאַנסקי האָט פֿון שלאָף הײזעריק, אָפּגעריסן אויסגעזוונגען אַ וואַלץ און עפּשער, אין כאָלעם געזען אַ שײנדל פֿון פֿאַרלוירענעם גליק. מיט אַן אויכאָ-ניגון און מיט פּיעסטשענדיקער ראַכמאָנעס אַף זיך אַלײן איז אַבראַמאָ־צקי אײַנגעשלאָפֿן און טיף געזיפֿצט פֿון שלאָף...

דאָס עלעקטרישע לעמפּל האָט געברענט איבער מײַן בעטל נומער 27. איך האָב גיט געקאָנט אײַנשלאָפֿן, איך האָב זיך בעקוקט אונטער דער קאָלדרע, זיך צוגעמאַכט די וויִעס און

געוואָלט זיך אײַנשמועסן, אַז איך שלאָף, נאָר עס האט מיר גאָר ניט געהאָלפן. איטלעך מאָל האָב איך געעפנט די אויגן און איטלעך מאָל האָט דאָס עלעקטריש ליכט פאַרשלונגען אין זיך מײַנע בליקן... ווי אַ מענטש, וואָס גייט איבער אַ קלאַדקע, מאַכט זיך הארץ און רופט זיך צו הילף אַלע קויכעס פון זײַן נעשאָמע האָב איך זיך געוואלט מאַכן אַ הארץ פון שטיין און פאַרגעסן, וואָס מען קאָן ניט פארגעסן, און אײנמאָל, כאָטש אײנמאָל זיך אויסשלאָפן, ווי עס בעדאַרף צו זײַן... נאָר איך האָב ניט געקאָנט...

דערגייענדיק צו דער העכסער מאַדרייגע פון פאַרדראָס און פון פײַן, האב איך זיך אַף מײַן בעטל געדרייט, פון איין זייט אַף דער אַנדערער, פול פאַראַכטונג צו זיך אַליין, און זיך געהייסן שלאפן. עס איז אריבער אַ צײַט, צוואנציק רעגעס. וואָס איך האב אין זיי פון קיין זאַך ניט געקלערט. נאָר מיט אמאָל איז מיט מיר געשען עפּיס אַזוינס, וואָס איך קאָן ניט זאָגן, צי זײַנען דערבײַ מײַנע אויגן געווען אָפן, אָדער פאַרמאַכט... איבער מיר, איבער מײַן געזיכט, אונטערן ווײַסן דראַט-פײַער פון לעמפל האָט זיך אַריבערגעבויגן די געשטאַלט פון מײַן ניט לאַנג צוריק אַפּ פראָנט געפאַלענעם ברודער, וואָס זײַן געזיכט און אויבערש-טער טייל קערפּער ביז'ן גאַרטל איז געהאנגען איבער מיר, ווי א גרויס פלאַך-בילד פון א פאָטאָגראַפישן נעגאַטיוו... איך האָב אַ ציטער געטאָן, די געשטאלט איז צערונען. דאָס ווײַסע דראָט-פײַער איז פאַרפאַלן געוואָרן און איך האב זיך דערזען אין דער היים, אין שטוב-צימער, איך בין געשטאַנען באַם פענסטער און געקוקט אַף מײַן ברודער, וואָס איז געזעסן אַף דער סאָפע צען מינוט פאַר זײַן אַוועקפאָרן אַפּן פראַנט און אין זײַנע אויגן, די טאָמיד איראניש-שמייכלדיקע שוואַרצע אויגן, האָט געפרווירן דער שטומער צער פון צושיידונג מיטן לעבן... איך האָב זיך א ריס געגעבן צו אים, נאָר איך האָב זיך אָפּגעריסן פון פענסטער און צוזאַמען מיטן צימער פאַרפאַלן געוואָרן און אַ פינסטערניש... איך האָב געעפנט די אויגן און דערזען איבער זיך דאָס עלעקטריש לעמפל...

. . . . . . . . . . . . . . . .

איך האָב זיך געראַנגלט מיט דער שלאָפלאָזיקייט, מיט געוואלט האָב איך זיך אַרויסגעשלאָגן פון ראַיען, אַז איך וויל אַז מיר זאָל זיך וועלן שלאָפן, נאָר מיר האָט דאָס ניט

האלפן... דער מאנאכישער זעלנער איז געלעגן מיט אַן אָפענעם מויל, די נאָז, ווי אַ האקן, פארריסן און זײַן אָטעם האָט זיך געצויגן אַרוף און אַראָפּ דורכן מויל. לעבעדיעוו איז אַראָפּ פון זײַן בעטל און עפּיס געזוכט אונטער זײַן קישן. קאַזאַנסקי איז געלעגן אויסגעצויגן, ווי א טויטער, און עס האָט זיך אַפילע ניט געהערט זײַן אָטעם און אַ איד, וואָס האָט געהאט אַ מוי-כעש, האָט געגעבן אַ כליפּ פון שלאָף און דער כליפּ זײַנער האָט געפּלאצט. ווי אַ פּענכער פון אַ פּיש... מײַנע בליקן זײַנען ווידער פאַרגליווערט געוואָרן אונטערן ווייסן דראט ליכט.

. . . . . . . . . . . . . . . .

לעבעדיעוו האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן און גע-פרעגט:

— וויפיל אַזייגער? ווען ענדיקט זיך די מילכאמע?

איך האָב אַ שמייכל געטאָן און אַליין זיך דערשראָקן פאַר מײַן אייגענעם שמייכל... איך האָב אופגעהויבן מײַן קאָפּ נאָר ער איז אַוועקגעפאַלן צוריק, ווי אַ שווערע מאסע, אַפן קישן אָנגעשטאָפּט מיט יאַם-גראָז, און איך בין אנטשלאָפן געוואָרן אַף אַן עמעס.

. . . . . . . . . . . . . . . .

ווען איך האָב זיך אופגעכאַפּט, האָט דער הימל אין פעלד-פענסטער זיך געשאַריעט אף טאָג און איבער דאָס גרויע זילבער-בלוי און איבער דעם צונטער פון הימל-ראנד האָט אין דער הויך געשײַנט דער מאָרגנשטערן, אַ זילבער-פלעמל מיט זילבער-בלוילעכע בעזימלעך. אַ זיסע און זילבער-קילע פרייד האָט אין מײַן האַרץ א קוועל געטאָן: דאָס איז די „אילת השחר", די אינד פון פרימאָרגן... נאָר די דאָזיקע פרייד האָט ניט לאַנג נאָך ווייניקער פון אַ רעגע, געדויערט... קאַזאַנסקי האָט אַרויס-געשטעקט זײַן צעקנייטשט געזיכט פון אונטער דער קאָלדרע און גערעדט: שטויב, שטויב!

## IV.

אַ כמאַריקער פּרימאָרגן האָט אַ כמאַריקן טאָג-ליכט אַרײַנ-געגאָסן אין גרויסן שפּיטאָל-כיידער. די קראנקע זיינען געלעגן אַף די בעטלעך איינגעוויקלט אין די קאָלדרעס, ווי רייען שטאַרצנדיקע ביינער-קלומפּנס. נאָר אַ קלײַין רוסל, מיט אַ שוואַרצן בערדל, וואָס אין אים האָבן זיך אויסגעמישט האָר קאַ-לירטע, ווי פּאַרטונקלטער קופּער, אַן אויסגעדאַרטער מיט אַן אויסגעבלייכטן געזיכט, איז פון אָרט צו אָרט אומגעגאַנגעי מיט מטושטעשטע טנועס, ווי אַ שיקערע פליג.

איך בין געזעסן מיט אַבראַמיצקין. ער האָט גערעדט און איך האָב אים אויסגעהערט. אין אבראַמיצקי'ס פּאָנים איז דאָס מאָל ניט געווען קיין שפּאַטיש-צולעהאָכעסדיקע קנײַטשעלעך, ער האָט מיר געקוקט אין פּאָנים אַרײַן, נאָר אונזערע בליקן פלעגן זיך ניט אופטרעפן אַף אײַן האָר, ווי צוויי וואָגשאָלן, איידער זיי בלײַבן שטײַן.

אַבראַמיצקי האָט צו מיר געטיינעט:

— אז איך בין ניט פון די, וואָס שרעקן זיך פאַר'ן טויט, איז אַ ראַיע, וואָס איך בין אַלײַן געגאנגען אין דער ארמײַ, מיטן גוטן ווילן.. ווי מען האָט אויסגערופן די מאָבּיליזאַציע איז אַף מיר אַ פּרײַיד אָנגעפאלן: דאָס, וואָס איז געווען ביז אַהער, וועט שוין מער ניט זײַן! איך האָב געמיינט, אַז די מילכאָמע וועט אַז פיל דויערן צווײ-דרײַ כאַדאָשים, האָב איך איינמאָל גע-וואָלט אײַנשטעלן דאָס לעבן און אין פײַער, כאָטש אײַנמאָל, זיך אַרומנעמען מיט רוסלאַנד (איך האָב אַקאָרשט געענדיקט גימנאַזיע), וואָס איך האָב ליב געהאט, ווי אַ שיקסע, א געזונטע אַ דאָרפיש-שעמעוודיקע און א געלוסטיקע... דרײַ טעג נאָכאַנאַנד האָב איך מיט מײַנע רוסישע און אידישע שיל-כאַווײרים, גע-טרונקען, געשפּילט און געטאַנצט... אײַן מאָל אין לעבן איז פּאַ-ראַן אַ באַדאַרף אַראָפּצעוואַרפן פון זיך אַלע יאָכן, אפילע דעם יאָך פון דער מוירע פאַרן טויט און זיך פרייען מיט איטלעכער מינוט לעבן, מיט איטלעכן אָטעם לופט! ווי איז מיר אָבער גע-ווען אפן הארצן אין דעם טאָג פון אונזער אָפּפאָר, ווען דאָס ביסל אידלעך האָט מען אַרײַנגעזעצט אין וואַגאַנעס דריטן קלאַס צוזאַמען מיט די פּראָסטע זעלנער און אונזערע גאָיִשע כאַווײַ-רים האָט מען אָפּגעשיקט אין דער אָפיצירן-שול. אַף דער דריטער

סטאַנציע האָב אך פארשפּעטיקט אונזער עשעלאָן און פאר צען רובל באם קאָמענדאַנט ארוסגעקריגן אַ צעטל, אַז איך פאָר קיין באַקו זוכן מיין עשעלאָן. אזוי בין איך זיבן כאדאָשים אומגעפארן פון איין עק רוסלאנד אין דעם אנדערן זוכן מיין עשעלאָן... איך האב געמיינט, אז אט-אט ענדיקט זיך די מילכאמע נאָר וואס א טאג ווייטער האט זי זיך מער צופלאַקערט... איז דאס אומררייען זיך מיר נימעס געווארן און איך בין אוועק אף א קאָמיסיע זיך באפרייען!

אַבראַמיצקי האָט זיך אָפּגעשטעלט; עס איז אָן אים געווען קענטיק, אַז ער קאָן זיך אַלץ ניט צוגעוואוינען צו דער מיעסדיקייט פון אנטלויפן, פון אויסדרייען זיך; אַ ווידערשפעניק פייערל האָט אַ בליאַסק געטאָן אין זיינע שווארצע אויגן מיט די האסטיקע קוקן. ער האָט שטילער און איינגעהאלטענער געזאָגט:

— דאָס איז ניט פאכדאָנעס... פאכדאָנעס איז די געמיינסטע זאַך אַף דער וועלט! נאר איך זאָג, אַז דער, וואָס גייט קעגן זיין ווילן אַפן פראָנט איז אַ גרעסערער פאכדן פון דעזערטיר.. ניט צו גיין, ווען די רויטע פלאַקאַטן זיינען אויסגעהאנגען, ווען אלע איילען זיך אין איינע שרעק טאָמער פאַרשפּעטיקט מען אין מע וועט דערפאַר שיסן אָדער היינגען, דאַרף מען קאָנען! איז דען ניט קיין העלד דער, וואָס שטעלט איין דאָס לעבן, קעדיי זיך צו פאַרהיטן דאָס לעבן?!

איך האָב אַף זיין שיילע ניט געענטפערט: מיר איז אַפילע דאָס דאָויקע אויספיינען זיך פאַר זיך אַליין געווען אַן איבעריקע זאַך! אַף דער וועלט איז אַ מאַבול און ווער עס קאָן ראטעוועט זיך!..

.V

נאָך דעם כמאַריקן פרימאָרגן האָט גאָכמיטאָג פון צווישן די וואָלקנס זון-ליכט, באזילבערט פון דינעם וואָלקן-נעפל אַריינגעשיינט אין שפּיטאל-כיידער און ווי אַן אַרשיניק-ברייטע דיליע זיך אויסגעלייגט מיט דער ליינג פון צימענט-דיל, אַ געקעסטלטע פון די פינסטער-קראַטן. אַלע קראַנקע זיינען אופגעשטאַנען פון יערע געלעגערס. דאָקטער קאַזאנסקי האט פון סמאגלעקייט אויסגעזען, ווי אַ קעמל אַף די הינטערשטע פיס. אַ „ספּיטאניק",

אַ קאָזאַק, האָט גליקלעך געשמייכלט, זון-זילבער בלינצע-לעך האָבן געשיינט אין זיינע גרויע אויגן און זיין איינגע שטערן האָט לעבעדיק זיך געהויבן. אנטקעגן אים איז געשטאַנען אַ פליכעוואטער גאָי, מיט אַ שפּיציקער, שווארצער בארד און אים אויסגעהערט.

איך בין געזעסן מיט לעבעדיעוון אַף אַ בעטל. לעבעדיעוו האָט מיר דערציילט:

— אַ גאנצן טאָג האָט בא מיר געאַרבעט דער קאָפּ... איך האָב באַ זיך אָפּגעמאַכט, וואָס עס וועט זיין, וועט זיין... דאַוויי-פּאָדאַוויי... ביינאַכט שלאָף איך ניט און עס ציט מיר צו מאַ-רוסיען... מאַרוסיע, מיין שיינע, וואס איך קאָן זיך ניט אָנקוקן אַף דיר! — האָט לעבעדיעוו ראַפּטום אויסגעצויגן די הענט פּונקט ווי מאַרוסיע וואָלט פאַר אים שטיין — אַלע, זע איך, פּאָפּן, ווי געפּייגערטע, איך גיב אַ גיי אַף די שפּיץ-פינגער צו דער טיר, פּיאָטר שלאָפט, איך גיב אַ נעם זיין פינדזשאַק און היטל און טו זיי אָן און גיי גלייך צו דער גאַס-טיר, ווי איך גיי צו, הייבט זיך איינער, אַ שלעפעריקער, אוף און עפנט מיר די גאַס-טיר און איך גיי אַרויס... איך האָב גענומען ציען פיס, דאַוואַי-פּאָדאַוואַי, אז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקוקט, האָב איך שוין דעם שפּיטאָל ניט געזען... פרייע פעלד אַרום.. איך רו זיך אָפּ און גיי ווייטער... קומט מיר אָן אַנטקעגן אַ האָז און פרעגט מיך: „וואוהין גייסטו, לעבעדיעוו"? „איך גיי אַהיים צו מיין מאַרוסיען"! ענטפער איך. „דיין ווייב וועט דיך באַגעגע-נען מיט אַ קאָצשערע און מאַרוסיען וועט מען ניט צולאָזן צו דיר, גיי, לעבעדיעוו, און גיב אָפּ פּיאָטערן זיין פינדזשאַק... אַ שאָד פּיאָטערן"! דער האָז האָט מיך גענומען און אַוועקגעפירט צוריק אין שפּיטאָל. איך בין אַריין און געזאָגט צו פּיאָטערן: „נאַ דיר אָפּ דיין פינדזשאַק"!

פון לעבעדיעוו'ס מייסע האָב איך געגעבן אַ לאַך און מיט לאַך, האָב איך געשפּירט, פלאצט מיין שווער געמיט. איך האָב זיך אומגעקוקט. באַם פעלד-פענסטער האָבן זיך אופגעזאמלט אַלע קראַנקע. איך בין צו. צווישן טאָפּל-פענסטער און דרויסן-פענסטער, הינטער די קראַטן, איז אומגעלאָפן אַ שוואַרץ מייזל פון איין ווינקל צום צווייטן און מיט אירע מייזישע אויגעלעך געקוקט אַפן אוילאָם, וואָס האָט געהודזשעט, געפּויקט מיט די פינגער איבער די שויבן.

אַבראַמיצקי, האָט זיך געקערט צו די קראַנקע:

— ברידער, שטילער. ראַשט ניט, די מויז קאָן נאָך מייַ־נען, אַז איר זייַנט מעשוגע, וועס זי זיך איבערשרעקן!

אַלע האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

— דאַווייַ—פּאַדאַווייַ! האָט לעבעדעוו אויסגעשריגן.

— אַהאַ, לעבעדעיוו! — האָט אַבראַמיצקי אויסגערופן — זאָג, לעבעדיעוו, באַ דיר ארבעט דאָך דער קאָפּ, ווי קומט אַהער די מויז?

לעבעדיעוו האָט אַ צוקרימטן שמייכל געגעבן, אַ קנייטש געטאָן זייַן שטערן און געזאָגט:

— זי איז אַ גייַסטיק-קראַנקע, האָט מען זי אַרייַנגע־זעצט אַהער!

— הורראַ, לעבעריעוו! האָט אַבראַמיצקי אויסגערופן מיט היספּייַלעס.

אַבראַמיצקי און דער קאָזאַק האָבן געפּראַוווט אָנעם טאָן לעבעדיעוון אַף א „הורראַ“, נאָר לעבעדעווס פּאָגים איז אַפּטום אָנגעלאָפן מיט רויטקייט און זייַנע אויגן האָבן זיך אַ קער געגעבן איינס אַהער און דאָס אנדערע אהין, און ער האָט א געשריי געגעבן:

— איר הינטישע זין, א רואַך אין אייַער טאַטן אַריין, וואָס האָט איר זיך אָנגעלאָפּן קוקן אף מייַן זאַטער צוויג? — ער האָט זיך א וואָרף געטאָן אפן קאָזאַק:—איך וועל דיר ווייַזן, ווי פּארפאלן ווערן הינטער די שייַערן!

אַלע האָבן זיך צערוקט אין די ווינקעלעך. דער וועכטער איז אריייַנגעקומען, לעבעדיעוו איז געבליבן שטייַן אין מיטן כייַ־דער, ווי א ריז, און מיט אן אויסגעשטרעקטן פויסט האָט ער געסטראשעט:

— איך וועל אייַך ווייַזן, הינטישע זין!

דאָס מייַזל איז, פון אלעמען פארלאָזט, אומגעלאָפן אין צווישן-ראַם און אלץ זיך ניט געפונען קייַן אויסוועג.

---

### VI.

צו אונז אין שפּיטאָל-כייַדער זייַנען אָנגעקומען נייַע „ספּי־טאַניקעס“ און מיטגעבראכט די פּאַניקע פון דער נייַער מאָבילי־זאַציע אין די פּרוירנדיקע אויגן-בלישצלעך פון מענטשן, וואָס דער באַוואוסטזייַן פון אומפּאַרמיידלעכער טויט-סאַקאָנע לאָזט זיי ניט אָפּ אפילע ווען זיי ריידן מיט אַ מענטשן...

לעבעדיעוו איז געלעגן אַף זײַן בעטל, מיטן פּאָנים אומ-געקערט צו דער וואַנט און צו זיך אַזאָג געגעבן:

— די מילכאָמע האָט אַוואַדע נאָך מער זיך צעפלאַקערט, אַז די שטאָטישע לויפן אַהער...

קאַזאַנסקי האָט אַ מײַסים-שמײַכל געגעבן:

— אַ מאָדנער איז דער לעבעדיעוו, ער זעט אמאָל זײַ-ער ווײַט...

— וואָס זעט ער? האָב איך געפרענט.

— אַז דאָ זײַנען פאַראַן סימוליאַנטן...—האָט דער דאָקטאָר קאַזאַנסקי געזאָגט און עס איז אָן זײַןאויסגעשטרעקטן קאָפּ געווען קענטיק, אז אַ ווינט האָט לײַכט אַ טראָג געגעבן זײַנע געדאַנ-קען—נ-דאַ... דער עמעסער קראַנקער איז פארטאָן מיט זײַנע ווילדע ראַיוֹנעס, מיט זײַן פינסטערער געפאַלנקײַט און ער זעט פאַר זיך ניט די וועלט... דער סימוליאַנט אָבער קוקט טאָמיד זיך שרעקעדיק אַרום...—קאַזאַנסקי האט אַ שמײַכל געגעבן מיט יײַנע בלויע, צעדאַרטע ליפּן—נ-דאַ...—די דעזערטירן זײַנען טראַ-גישע קאָמיקער, וואָס זעען ניט, אז ניט אָפן פראָנט איז אַבסאָ-ליוטער טויט און ניט אין „טיל" איז אבסאליוט לעבן.—קאַזאנסקי'ס אויגן האָבן באַקומען שפּיציקע בלישטשלעך—שטאַרבט מען ניט אין טיל פון הונגער, פון קראנקשאפטן? פירט מען ניט אין טיל" קײַן טאַטעס, מאמעס, ברידער און שוועסטער אַפן בייס-אוילאם?! נ-דאַ! אַ דעזערטיר איז אַ גייסטיק-קראנקער, וואָס בעאײַיס עס באפאלט אים די מוירע פארן טויט איז באַ אים רעכט צו פאַרלירן זײַן געליבטע, וואָס אָן איר איז זײַן לעבן קײַן לעבן נים, איז ער קאַפּאַל זיך ארויסנעמען אַן אויג פון קאָפּ, דאָס הײַסט, א העלפט לעבן זיך אוועקנעמען!

קאזאנסקי האָט צו מיר זיך אָנגעבויגן און שטיל געזאָגט:

— איר מײַנט, איך ווײַס ניט, אַז אַבראַמיצקי סימולירט, נאָר מיר דאַכט, אז ער וועט ניט אויסהאַלטן ביזן סאָף... אָ שאָד אים, ער האָט א געשאָמע!

אַף קאַזאנסקיס רײַד איז אָנגעקומען אַבראַמיצקי און מיט געפאַלנקײַט אַזאָג געגעבן צו מיר:

— די טעג שרײַבט מען אויס די אַלטע, אַ מען צען, מיר וועלן אין זײַ, געוויס, זײַן!

— זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין! — האָב איך אַזאָג געגעבן.

איר'ט נאָך לעבן! האָט קאזאנסקי מיט אָנמאַכטיקער קינע אַ טײַט געגעבן אַף מיר.

— און איך, דאָקטער? — האָט אַבראַמיצקי ראפּטום אַ פרעג געגעבן און אין זײַן געזיכט האָט זיך פאַרגליווערט שיגאָני-שער מוט.

— איר'ט אַלײַן אַרײַנשפּרינגען אין פײַער! — האָט קאַ-זאַנסקי געענטפערט.

אַבראַמיצקי איז בלײַך געוואָרן און קײַהערעף אָיִין האָט זײַן געזיכט זיך צעגלאַנצט מיט מעשוגענער פרײַלעכקײַט· שפּאָטיש האָט ער זיך געקערט צו קאזאַג-קין:

— איר'ט געהערט, דאָקטאָר, דאָס לידל?

ניט צי דעם קאָטער פאַר די אויערן,
נאָר צי אים בעסער פאַרן עק..
אומעטיק, טרויעריק געליבטע!

דער דאָקטער קאַזאַנסקי האָט מיט ווײמוטלעכער האַנאָע איבערגעזונגען: ניט צי דעם קאָטער פאַר די אויערן!

— פראַכטפול! האָט קאַזאַנסקי צו זיך גערעדט און מיט אַ מעשונעדיקער האַנאָע איבערגעכאַזערט אַבראַמיצקיס פּאַראָדיע און געלאַכט צו זיך...

---

### VII.

אַבראַמיצקי'ס נײַס, אַז אינגיכן וועט זײַן אַ קאָמיסיע אַף די אַלטע „ספּיטאַניקעס", האָט זיך באַשטעטיקט. לעבעדיעוו'ן, קאַזאַנסקין און דעם מאָנאַכישן זעלנער איז די גאַנצע זאַך ניט אָנגעגאַנגען. לעבעדיעוו איז געווען אַן איבערגעשראָקענער זינט מען האָט אים גענומען אַף אַ הורראַ; די שרעק האָט אופגערירט אין זײַן נעשאָמע די ערשטע פּלאַצן. ער האָט קעסיידער גערעדט מיט זײַן דאָרף גאָאים, וואָס איז ·זיך אופגעלאָפן אָנקוקן זײַן מאַכלויקעס מיט זײַן ווײַב. וואָס האָט געבוירן אַ מאַמזער, ווען ער איז געווען אַפן פּי-אָנט. ער פלעגט זיך אַ וואָרף טאָן אַף איר (אַף איינעם פון די בײַגעוועזענע אין שפּיטאָל-כיידער) און זי (אים) נעמען ווארגן פאַר'ן האַלז און שרײַען: „וואָס שטעקסטו אַרויס דײַן צונג, ווי אַ קאָבילע? אַ סאָף וועל איך מיט דיר מאַכן, נעקייווע!" דער מאָנאַכ·שער זעלנער האָט גאַנצע טעג, אָן אַן [illegible] אַ גרוילנדיקן ניגן געצויגן זײַן „האָספּאָדי,

פּאָמילוי״! קאַזאַנסקי איז געלעגן אַף זײַן בעטל, געקוקט זיך אַף די אויסגעדאַרטע, געלע הענט און גערעדט: „שטויב, שטויב, קאָן מען דען אויסהײלן שטויב״?

איך בין געווען רואיק. ניט אַזוי רואיק, ווי טעמפּ און גלײַכגילטיק. אין מיר האָט מײַן טרויער און מײַן שיגאָן אויס-געברענט, ווי האָלץ און שטרוי אין אַ מוירעדיקן ביניען. נאָר איך אַליין, מיט מײַן קאָפּ און מיט מײַן האַרץ, בין געבליבן גאַנץ, האַגאַם פּוסט, אויסגעהוילט... דערוואַרטנדיק די סאַקאַנע האָבן מײַן דימיען און מײַן ראַיען געפּלאַמט, ווי אָנגעצונדענע שפּיריטעס, מײַנע נערוון האָבן זיך געצאַפּלט, ווי אָנגעצויגענע סטרונעס פון אַן אינסטרומענט בעאַיס מע שלאָגט איבער זיי מיט אַ שווערער זאַך, נאָר ווען די סאַקאַנע איז שוין געקומען, בין איך שוין געווען קאַלט. איך בין געווען פול מיט מוט פון העפקירעס און מיט דער רואיקייט פון יעאוש. איך האָב געקוקט אין פענסטער, וואו ווײַטע פעלדער האָבן זיך געזען, אָנגעקוקט די בערג און טאָלן, דאָס זון-ליכט און זײַנע שמייכלען אַף איט-לעכן צווייגל, אַף איטלעכן דאַך און אין איטלעכן וואַסערל נאָר געזען האָב איך פאַר זיך בלויז צעפּלאַמטע צונטער פון קופּער און מעש, וואָס ניט דאָס פרייט און ניט דאָס קימערט מיך. מאָרגן שטעל איך זיך צו דער קאָמיסיע. וואָס קאָן זײַן? וואָס אַרט מיך, וואָס עס וועט זײַן?

אומרואיקער, ווי אַלע, איז געווען אַבראַמיצקי. יעדע ווײַלע פלעגט ער אופשפּרינגען און לויפן זיך שושקען מיט די וועכטער; ווי אַף נאָדלען איז ער פערטל-שאָען מיט טרויער און אומרו געשטאַנען און אָפּגעוואַרט דעם פעלדשער צו כאַפּן פון אים אַ וואָרט; ער איז אומגעלאָפן פון איינעם צום אַנדערן, גע-נישטערט, געכאַפּט פון דעם אַ קוק און פון יענעם אַ וואונק עס איז אָן אים געווען קענטליך, אַז זײַן פאַנטאַזיע אַרבעט אַף אַלע קוילים... נאָר אינמיטן פלעגט ער בלײַבן זיצן אַפן בעטל, מיט די עלנבויגנס אַף די קני און מיט דעם קאָפּ אַף די הענט אָנגעלענט, אַ מידער און אַן אויסגעשעפּטער.

ער איז צו מיר צוגעגאַנגען און אַ זאָג געגעבן, איך ווייס ניט צו וואָס:

— הײַנט אָוונט מאַך איך די פאַליקע, איך מוז זיך שטעלן צו דער קאָמיסיע.

איך האָב ניט געוואוסט, וואָס אים צו זאָגן און געשוויגן ער האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט און איז אַ...

איך בין אַף מײַן בעטל אנטשלאפן געווארן שווער. אַן כאלוימעס, מיט צוהאַרגעטע גלידער. ווען איך בין אופגעשטאַנען האט שוין געברענט דאס עלעקטריש ליכט, איך בין אפגעשלאָפן אַ האַלבן טאָג און אַ האַלבע נאַכט. אַבראַמיצקי איז צו מיר צוגעגאנגען און אַ זאָג געגעבן:

— איך האב זיך אַלײן אָפגעקוילעט, איך האב מיטן פעלשער אָפגערעדט מאַכן די פאַליקע צוויי אַזײגער בײַנאַכט, נאָר מיר האבן אונזערע זײגערס ניט אויסגעגלײַכט, איך האב דאָס געמאַכט פינף מינוט פאַר דער צײַט, איז אָנגעקומען דער דעזשור-פעלדשער און מיר ארײַנגעשטעקט אַ האַלבע נאָדל אין פיאַטע... איך האב אַף דעם זיך ניט געריכט און געגעבן אַ ריר מיט דער פוס... דורכגעפאלן!

אין זײַנע אויגן איז געווען שרעק: וואָס וועט זײַן? און פאַרדראָס אַף זיך אַלײן, וואָס איז נאָך ערגער פון שרעק...

---

אַף מאָרגן אין דער פרי איז אבראמיצקי משוגע געוואָרן ער האָט זיך ארופגעוואָרפן אַפן מאָנאכישן זעלנער, אָנגעכאפט אים פארן גאָרגל און גענומען אים שטיקן: „קום אפן פראָנט היינטישער זון!" מע האָט אים אָפגעפירט אין דער פאַלאטע פאַר ראַשיקע משוגאָאים.

די קאָמיסיע האָט מיך באפרײַט אַף זעקס כאדאָשים. ווען ז'ך בין צוגעגאנגען צו קאזאנסק'ן זיך זעגענען מיט אים, איז ער געזעסן אַפן קישן אַראָפגעלאָזט דעם קאָפּ און גערעדט צו זיך: „שטויב, שטויב, קען מען דען היילן שטויב?"

ריאַזאן 1917.

## ביכער פון ידידיה מארגאליס:

1) דערציילונגען, פאַרלאַג „די וועלט״, ווילנע 1909, 107 זײַטן.

2) פון הײַנטיקער צײַט, שריפטן „צענטראל״, ווארשע 1912, 155 ז׳

3) שיר היחוד, דראַמע „צענטראַל״. וואַרשע 1913, 56 ז.

4) ווײַטע שײַן, פראַגמענטן און פּערזן, מאָסקווע 1922, 16 ז.

5) ניי־טעהילים, געזאַנגען, מאָסקווע 1922, 16 ז.

6) מילכאמע־צײַט (צווישן דולע), דערציילונג, 6; ז.

### עס גרייטן זיך צום דרוק:

1) פערזן, לידער און פראַגמענטן.

2) יאסעלע בוים, דערציילונג.

3) אַמכא, א פאָלקס-דראַמע.